גליון
# בת עין
דבר השוה לכל נפש
אידיש

גליון צו • שנה ב
פרשת נשא
תשפ"ה


## פרשת נשא

### תוכן הדרוש


[א] לשון הפסוקים. / די דריי מחנות און זייערע חלוקים. / די דריי מחנות און זייערע בחינות בדרך עבודה. / די בחינה מַחֲנֶה שְׁכִינָה. / פשט אין פסוק 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים'.

[ב] די בחינה פון מַחֲנֶה לְוִיָּה. / די בחינה פון מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל. / די חילוק פון טוּמְאַת זָב און טָמֵא וּמְצוֹרָע.

[ג] די רמז אין די נאמען כֹּ'הֵ'ן'. / פשט אין פסוק 'כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'. / די בחינת עבודה פון די מַחֲנוֹת. / די דריי מַחֲנוֹת לְעָתִיד לָבֹא.


### [א]

### לשון הפסוקים

**צַו אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה כָּל צָרוּעַ וְכָל זָב וְכֹל טָמֵא לָנָפֶשׁ וְגוֹ'**[א] באפעל די יודישע קינדער אז זיי זאלן אוועקשיקן פון די מחנה אלע מענטשן וואס זענען טמא [כָּל צָרוּעַ] א יעדן קרעציגן [וְכָל זָב] און א יעדן זָב, [וְכֹל טָמֵא לָנָפֶשׁ] און א יעדער וואס איז טמא צו א טויטע זעהל.

**כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם וְגוֹ'** [רעד צו אהרן און צו זיינע קינדער זאגענדיג אזוי] אזוי זאלט איר בענטשן די יודישע קינדער – צו זאגן פאר זיי (יברכך וְגוֹ', יאר וְגוֹ', ישא וְגוֹ').

### די דריי מחנות און זייערע חלוקים

צַו אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה כָּל צָרוּעַ וְכָל זָב וְכֹל טָמֵא לָנָפֶשׁ וְגוֹ', כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם וְגוֹ'.
לְהָבִין עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר עִנְיַן שִׁילּוּחַ הַטְּמֵאִים מִשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת בִּשְׁלֹשָׁה חִלּוּקִים.
הַיְינוּ הַמְּצוֹרָע מְשׁוּלָּח חוּץ לְשָׁלֹשׁ מַחֲנוֹת מַחֲנֶה שְׁכִינָה מַחֲנֶה לְוִיָּה מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

**לְהָבִין עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר עִנְיַן שִׁילּוּחַ הַטְּמֵאִים מִשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת בִּשְׁלֹשָׁה חִלּוּקִים** צו פארשטיין אויף א וועג פון מוסר די ענין פון ארויסשיקן די טמא'נע מענטשן פון די דריי מחנות אויף דריי פארשידענע קאטעגאריעס.

**הַיְינוּ הַמְּצוֹרָע מְשׁוּלָּח חוּץ לְשָׁלֹשׁ מַחֲנוֹת [1]מַחֲנֶה שְׁכִינָה [2]מַחֲנֶה לְוִיָּה [3]מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל** דאס מיינט א

א. די לשון הפסוקים זענען (פרק ה' פסוק ב): **צַו אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה כָּל צָרוּעַ וְכָל זָב וְכֹל טָמֵא לָנָפֶשׁ.** און אין צוויי פסוקים שפעטער (פסוק ד') שטייט: **וַיַּעֲשׂוּ כֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיְשַׁלְּחוּ אוֹתָם אֶל מִחוּץ לַמַּחֲנֶה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ד' אֶל מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.** און שפעטער אין פרשה (פרק ו' פסוק כג) שטייט די פסוק: **דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו לֵאמֹר כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם.**

## פארווארט

ביי חסדים

פלעגט מען רופן די שבת נאך יו"ט שבועות 'שבת נאָך שבועות' [מיט א אפענע קמ"ץ] וואס דאס מיינט אז ס'איז נאך אלץ שבועות. אין די קומענדיגע תורה קען מען זעהן א געוויסע המשך פונעם יום טוב שבועות, ווי דער בת עין רעדט פונעם כח וואס איז דא אין יעדן יוד ארויפצוגיין העכער און העכער אין קדושה ביזן דערגרייכן די מחנה שכינה.

מען זאגט נאך פונעם מהרי"ץ פון ליבאוויטש און ענליך אין נאמען פון נאך צדיקים א אויסדרוק 'מאך ארץ ישראל דא', אז יעדע מענטש האט די כח ווי ער איז צו מקדש זיין די פלאץ אז עס זאל האבן אין זיך קדושת ארץ ישראל. זאל דער אייבערשטער העלפן עס זאל מקויים ווערן וואס דער בת עין זאגט ווייטער 'כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' אז די יודן האבן זיך טאקע געהייליגט מיט די קדושה פון די דריי מחנות. אבי"ר

גליון זה נתנדב ע"י
הרה"ג ר' **יעקב שמואל שפיטץ** שליט"א
לע"נ הרבנית הצדקית מסאטמאר זכרונה לברכה
מרת **אלטא פייגא** בת הרה"ק ר' **אביגדור** ז"ל
**יארצייט ביום השב"ק י"א סיון**
זכות רבינו המחבר יגן בעדו להיוושע בכל מילי
דמיטב ולכל משאלות לבו לטובה. אמן

> הַזָּב מְשׁוּלָּח חוּץ לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת וְנִשְׁאַר בְּמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל.
> הַטָּמֵא לְנֶפֶשׁ מִשְׁתַּלֵּחַ חוּץ לְמַחֲנֵה שְׁכִינָה לְבָד וְנִשְׁאַר בִּשְׁנֵי מַחֲנוֹת (פסחים סז.).
>
> וּלְהָבִין כָּל זֶה עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר, הִנֵּה עִנְיַן הַשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת שַׁיָּיךְ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בִּפְרָט.
>
> הַיְינוּ מַחֲנֵה שְׁכִינָה עִנְיָנוֹ הוּא, תּוֹךְ הַקְּלָעִים, שֶׁשָּׁם הָיוּ נְתוּנִים כָּל הַכֵּלִים הַמְקוּדָּשִׁים, קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים.
>
> וְדוּגְמָתוֹ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּחִינַת הַמַּחְשָׁבָה כְּשֶׁהוּא בִּקְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה דְּבוּקָה בְּאַהֲבָה וְיִרְאָה לַה', וְאֵינוֹ מֵסִיחַ דַּעְתּוֹ כְּלָל מֵהִתְבּוֹנְנוּתוֹ בִּגְדוּלַּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ.
>
> שֶׁמְּקַיֵּים מַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים טז, ח) 'שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד', וּפוֹנֶה מַחְשַׁבְתּוֹ מִכָּל עִסְקֵי הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה כְּאִילּוּ כָּל מְלַאכְתּוֹ עֲשׂוּיָה, מְגוּדֶל בִּטְחוֹנוֹ בַּה' בְּחַסְדּוֹ יִתְבָּרֵךְ בֶּאֱמֶת.
>
> וְכָל לִבּוֹ וּמַחְשַׁבְתּוֹ וּמִסְתָּרָיו וְרַעְיוֹנָיו הֵמָּה דְּבוּקִים בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ, הִנֵּה זֶה הוּא בִּבְחִינַת מַחֲנֵה שְׁכִינָה, בְּחִינַת קָדְשֵׁי קָדָשִׁים.
>
> וּמִמֵּילָא ה' מַשְׁגִּיחַ עָלָיו תָּמִיד לְהַחְיוֹתוֹ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

מְצוֹרָע ווערט ארויסגעשיקט פון אלע דריי מחנות די [1]מַחֲנֵה שְׁכִינָה און די [2]מַחֲנֵה לְוִיָּה און [3]מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל.

**הַזָּב מְשׁוּלָּח חוּץ לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת וְנִשְׁאַר בְּמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל** און א זָב ווערט ארויסגעשיקט פון צוויי מחנות ([1]שְׁכִינָה און [2]לְוִיָּה) און ער מעג בלייבן אין מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל.

**הַטָּמֵא לְנֶפֶשׁ מִשְׁתַּלֵּחַ חוּץ לְמַחֲנֵה שְׁכִינָה לְבָד וְנִשְׁאַר בִּשְׁנֵי מַחֲנוֹת** (פסחים סז.) און איינער וואס איז טמא פון א טויטער מענטש ווערט נאר ארויסגעשיקט פון די מַחֲנֵה שְׁכִינָה און ער מעג בלייבן אין די צוויי מחנות (1מַחֲנֵה לְוִיָּה און 2יִשְׂרָאֵל).

## די דריי מחנות און זייערע בחינות בדרך עבודה

**וּלְהָבִין כָּל זֶה עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר** און צו פארשטיין דאס אויף א וועג פון מוסר, **הִנֵּה עִנְיַן הַשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת שַׁיָּיךְ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בִּפְרָט** די ענין פון די דריי מחנות איז שייך ביי יעדעם איינעם און איינעם פון די יודן באזונדער.

## די בחינה מַחֲנֵה שְׁכִינָה

**הַיְינוּ מַחֲנֵה שְׁכִינָה עִנְיָנוֹ הוּא תּוֹךְ הַקְּלָעִים** דאס מיינט אז די ענין פון מַחֲנֵה שְׁכִינָה איז אינעווענדיג פון די פירהאנג (קְלָעִים), **שֶׁשָּׁם הָיוּ נְתוּנִים כָּל הַכֵּלִים הַמְקוּדָּשִׁים** וואס דארטן איז געווען די אלע הייליגע כלים פון די בית המקדש, **קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים** און די קודש הקדשים וואס האט זיך דארט געפינען.

**וְדוּגְמָתוֹ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּחִינַת הַמַּחְשָׁבָה כְּשֶׁהוּא בִּקְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה דְּבוּקָה בְּאַהֲבָה וְיִרְאָה לַה'** און דאס גלייכן (פון קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים) איז ביי יעדן יוד די בחינה פון מַחְשָׁבָה ווען עס איז בקדושה און טהרה און באהאפטן מיט 'אַהֲבָה' און 'יִרְאָה' צום באשעפער, **וְאֵינוֹ מֵסִיחַ דַּעְתּוֹ כְּלָל מֵהִתְבּוֹנְנוּתוֹ בִּגְדוּלַּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ** און ער טוט נישט אפ זיין געוויסן פון אריינטראכטן אין די גרויסקייט פונעם באשעפער בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, **שֶׁמְּקַיֵּים מַאֲמַר הַכָּתוּב** (תהלים טז, ח) **'שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד'** וואס ער איז מקיים די ווערטער פונעם פסוק 'איך לייג דעם באשעפער פאר מיינע אויגן שטענדיג'.

**וּפוֹנֶה מַחְשַׁבְתּוֹ מִכָּל עִסְקֵי הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה כְּאִילּוּ כָּל מְלַאכְתּוֹ עֲשׂוּיָה** און ער קערט אוועק זיינע מחשבות פון אלע וועלטליכע באשעפטונגען און עס איז ביי אים אזוי ווי אלע זיינע ארבעט איז געטאהן געווארן, **מְגוּדֶל בִּטְחוֹנוֹ בַּה' בְּחַסְדּוֹ יִתְבָּרֵךְ בֶּאֱמֶת** פון צוליב זיין גרויסע אמת'ע בטחון אינעם באשעפער'ס חסדים, **וְכָל לִבּוֹ וּמַחְשַׁבְתּוֹ וּמִסְתָּרָיו וְרַעְיוֹנָיו הֵמָּה דְּבוּקִים בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ** און זיין גאנצע הארץ און מחשבות און אינערליכע טראכטונגען און געדאנקען זענען באהאפטן נאר אינעם באשעפער אליין, **הִנֵּה זֶה הוּא בִּבְחִינַת מַחֲנֵה שְׁכִינָה** דער מענטש איז אין א בחינה פון מַחֲנֵה שְׁכִינָה, **בְּחִינַת קָדְשֵׁי קָדָשִׁים** וואס דאס איז א בחינה פון קָדְשֵׁי קָדָשִׁים.

## פשט אין פסוק 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים'

**וּמִמֵּילָא ה' מַשְׁגִּיחַ עָלָיו תָּמִיד לְהַחְיוֹתוֹ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת** און דערפאר (ווייל ער איז אינגאנצן דבוק אינעם באשעפער) וועט השי"ת שטענדיג אויף אים אכטונג געבן אים צו געבן חיות בְּרוּחָנִיּוּת און בְּגַשְׁמִיּוּת.

> כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (ירמי' כג, כד) 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה'', פֵּירוּשׁ 'הַיִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים' שֶׁלּוֹ, הַיְינוּ שֶׁהַמַּחְשָׁבוֹת שֶׁלּוֹ שֶׁנִּקְרְאוּ מִסְתָּרִים שֶׁהוּא מְקַדֵּשׁ אוֹתָם וּמְדַבְּקָם לַה'.
>
> 'וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ', פֵּירוּשׁ וְכִי לֹא אַשְׁגִּיחַ עָלָיו לְהַחְיוֹתוֹ, הִנֵּה זֶה הוּא בִּבְחִינַת מַחֲנֵה שְׁכִינָה, שֶׁהוּא טָהוֹר לְגַמְרֵי.
>
> וְעוֹד יֵשׁ בְּחִינָה חִיצוֹנִיּוּת יוֹתֵר הַיְינוּ מַחֲנֵה לְוִיָּה, שֶׁהִיא חֲנָיַית הַלְוִיִּם סָבִיב לַקְּלָעִים מִבַּחוּץ, הַיְינוּ מִי שֶׁהוּא אֵינוֹ בִּבְחִינַת דְּבֵיקוּת בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ כָּל כָּךְ כַּנַּ"ל, וְהוּא בְּחִינַת טָמֵא לְנֶפֶשׁ (שֶׁאֵין נַפְשׁוֹ דְּבוּקָה בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת גָּדוֹל לַה' כַּנַּ"ל).
>
> רַק שֶׁעַל כָּל פָּנִים הוּא סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב, וְנִזְהַר בְּמִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, וְעוֹסֵק בְּתוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, רַק שֶׁאֵינוֹ בִּדְבֵקוּת כָּל כָּךְ, זֶה הוּא בִּבְחִינַת מַחֲנֵה לְוִיָּה, וּמִשְׁתַּלֵּחַ מִמַּחֲנֵה שְׁכִינָה לְבָד.
>
> וְעוֹד יֵשׁ בְּחִינָה אַחֶרֶת שֶׁהִיא בְּחִינַת חִצוֹנִית וּמַקִּיף לָזֶה, וְהוּא בְּחִינַת מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל,

**כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (ירמי' כג, כד) **'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה''** אזוי ווי דער נביא זאגט אין פסוק 'אויב א מענטש וועט זיך באהאלטן אין זיין באהעלטעניש וועל איך אים דען נישט זעהן ? – זאגט דער באשעפער'.

**פֵּירוּשׁ 'הַיִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים' שֶׁלּוֹ** די פסוק מיינט צו זאגן 'אויב א מענטש וועט זיך באהאלטן אין זיינע באהעלטעניש' **הַיְינוּ שֶׁהַמַּחְשָׁבוֹת שֶׁלּוֹ שֶׁנִּקְרְאוּ מִסְתָּרִים שֶׁהוּא מְקַדֵּשׁ אוֹתָם וּמְדַבְּקָם לַה'** דאס מיינט אז ער הייליגט זיינע 'מחשבות' וואס ווערט אנגערופן 'מִסְתָּרִים' (ווייל זיי זענען באהאלטן) און ער באהעפט זיי צום באשעפער, **'וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ'** און די פסוק פירט אויס 'און איך וועל עס דען נישט זעהן?', **פֵּירוּשׁ וְכִי לֹא אַשְׁגִּיחַ עָלָיו לְהַחְיוֹתוֹ** דאס מיינט צו זאגן וועל איך דען נישט אכטונג געבן אויף אזא מענטש אים אריינצוגעבן א חיות.

**הִנֵּה זֶה הוּא בִּבְחִינַת מַחֲנֵה שְׁכִינָה** אזא איינער איז אין די בחינה פון מַחֲנֵה שְׁכִינָה, **שֶׁהוּא טָהוֹר לְגַמְרֵי** וואס ער איז אינגאנצן טָהוֹר.

[ב]

## די בחינה פון מַחֲנֵה לְוִיָּה

**וְעוֹד יֵשׁ בְּחִינָה חִיצוֹנִיּוּת יוֹתֵר** און ס'איז דא נאך א דרויסענדיגע בחינה (פון מַחֲנֵה שְׁכִינָה), **הַיְינוּ מַחֲנֵה לְוִיָּה** און דאס איז די בחינה פון מַחֲנֵה לְוִיָּה, **שֶׁהִיא חֲנָיַית הַלְוִיִּם סָבִיב לַקְּלָעִים מִבַּחוּץ** וואס דאס איז ווי די לויים האבן גערוהט ארום די פירהאנג פונדרויסן.

**הַיְינוּ מִי שֶׁהוּא אֵינוֹ בִּבְחִינַת דְּבֵיקוּת בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ כָּל כָּךְ כַּנַּ"ל** דאס מיינט אז איינער וואס איז נישט אין אזא 'דְּבֵיקוּת' באהאפטן מיט זיינע מחשבות צום באשעפער ווי אויבענדערמאנט, **וְהוּא בְּחִינַת טָמֵא לְנֶפֶשׁ [שֶׁאֵין נַפְשׁוֹ דְּבוּקָה בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת גָּדוֹל לַה' כַּנַּ"ל]** און ער איז אין די בחינה פון 'טָמֵא לְנֶפֶשׁ' (טמא צו א טויטע זעהל) וואס דאס מיינט אז זיין זעהל איז נישט אזוי באהאפטן מיט אזא בענקשאפט און אזא גרויסע גלוסטעניש צום באשעפער ווי אויבענדערמאנט.

**רַק שֶׁעַל כָּל פָּנִים הוּא סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב** נאר פון דאס וועגן דאך טוט ער זיך כאטש אפקערן פון שלעכטס (סוּר מֵרָע) און טוט גוטע מעשים (וַעֲשֵׂה טוֹב), **וְנִזְהַר בְּמִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה** און ער איז אפגעהיטן נישט עובר זיין אויף מצות לֹא תַעֲשֶׂה, **וְעוֹסֵק בְּתוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים** און ער איז כסדר באשעפטיגט אין תורה און מעשים טובים, **רַק שֶׁאֵינוֹ בִּדְבֵקוּת כָּל כָּךְ** נאר ער טוט עס נישט מיט אזא דְבֵקוּת צום באשעפער, **זֶה הוּא בִּבְחִינַת מַחֲנֵה לְוִיָּה** ער איז אין די בחינה פון מַחֲנֵה לְוִיָּה, **וּמִשְׁתַּלֵּחַ מִמַּחֲנֵה שְׁכִינָה לְבָד** און ער ווערט נאר ארויסגעשיקט פון מַחֲנֵה שְׁכִינָה.

## די בחינה פון מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל

**וְעוֹד יֵשׁ בְּחִינָה אַחֶרֶת שֶׁהִיא בְּחִינַת חִצוֹנִית וּמַקִּיף לָזֶה** און ס'איז דא נאך א אנדערע בחינה וואס איז מער א דרויסענדיגע בחינה און נעמט ארום די צוויי דערמאנטע מחנות (מַחֲנֵה שְׁכִינָה און די מַחֲנֵה לְוִיָּה), **וְהוּא בְּחִינַת מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל**

שֶׁהוּא סָבִיב חֲנָיַית הַלְוִיִּם עַד סוֹף הַדְּגָלִים, הוּא בְּחִינַת חִצוֹנִיּוּת יוֹתֵר, הַיְינוּ אָדָם שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בְּתוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וְהוּא בְּחִינַת זָב, שֶׁזָּב הוּא הַיְינוּ שֶׁזָּב מִמֶּנּוּ אוֹתוֹ דָּבָר שֶׁעַל יָדוֹ נוֹטֵל מְאוֹר עֵינָיו וְכֹחוֹ כַּיָּדוּעַ[א], וְכֵן הוּא זֶה שֶׁבָּטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה שֶׁהוּא מְאוֹר עֵינָיו שֶׁל אָדָם וְכֹחוֹ.

גַּם 'זָב' הוּא אוֹתִיּוֹת 'בָּז', כְּלוֹמַר שֶׁבְּחִינַת תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אֵינוֹ חָשׁוּב אֶצְלוֹ כָּל כָּךְ לִהְיוֹת מִשְׁתּוֹקֵק אֲלֵיהֶם, וּכְמוֹ בְּזוּיִים הֵמָּה אֶצְלוֹ חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵינוֹ חָשׁוּב אֶצְלוֹ לִהְיוֹת מִשְׁתּוֹקֵק וְעוֹסֵק בָּהֶם.

וְהוּא בְּחִינַת טוּמְאַת זָב, וּמְשׁוּלָּח מִשְּׁתֵּי מַחֲנוֹת מִמַּחֲנֶה שְׁכִינָה וּמַחֲנֶה לְוִיָּה, רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא סוּר מֵרָע וְאֵינוֹ עוֹשֶׂה עֲבֵירָה נִשְׁאַר בְּכָל מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

אֲבָל מִי שֶׁהוּא עוֹשֶׂה עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם וְהוּא בְּחִינַת מְצוֹרָע, שֶׁנְּגָעִים בָּאִין עָלָיו בַּעֲוֹן לְשׁוֹן הָרָע (ערכין טו:)[ב], וְכַדּוֹמֶה מִי שֶׁהוּא בַּעַל עֲבֵירָה נִקְרָא טָמֵא וּמְצוֹרָע, שֶׁהוּא מִשְׁתַּלֵּחַ אֲפִילוּ מִמַּחֲנֶה יִשְׂרָאֵל. שֶׁבִּשְׁעַת הָעֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם אֵינוֹ בִּכְלָל יִשְׂרָאֵל

א. עיין רמב"ם הלכות דעות פ"ד הי"ט: שכבת זרע היא כח הגוף וחייו ומאור העינים, וכל שתצא ביותר הגוף כלה וכחו כלה וחייו אובדים.

ב. בגמ' שם: כל המספר לשון הרע נגעים באים עליו כו', אמר ריש לקיש מאי דכתיב 'זאת תהיה תורת המצורע', זאת תהיה תורתו של מוציא שם רע.

און דאס איז די בחינה פון מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, **שֶׁהוּא סָבִיב חֲנָיַית הַלְוִיִּם עַד סוֹף הַדְּגָלִים** וואס די מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל איז געווען ארום די מחנות ווי די לויים האבן גערוהט ביז די סוף פון די דגלים, **הוּא בְּחִינַת חִצוֹנִיּוּת יוֹתֵר** און די בחינה פון מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל איז מרמז צו אסאך א דרויסענדיגע בחינה אין עבודת השם.

**הַיְינוּ אָדָם שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בְּתוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים** דאס מיינט א מענטש וואס איז נישט עוסק אין תורה און מעשים טובים, **וְהוּא בְּחִינַת זָב** און ער איז אין א בחינה פון זָב, **שֶׁזָּב הוּא הַיְינוּ שֶׁזָּב מִמֶּנּוּ אוֹתוֹ דָּבָר שֶׁעַל יָדוֹ נוֹטֵל מְאוֹר עֵינָיו וְכֹחוֹ כַּיָּדוּעַ** ווייל דורך די טומאה פון זָב גייט אוועק פונעם מענטש זיין כח און ליכטיגקייט פון זיינע אויגן, **וְכֵן הוּא זֶה שֶׁבָּטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה שֶׁהוּא מְאוֹר עֵינָיו שֶׁל אָדָם וְכֹחוֹ** און אזוי איז אויך דער מענטש וואס ער איז בטל פון לערנען וואס תּוֹרָה איז די ליכט שיין און כח פון א מענטש.

**גַּם 'זָב' הוּא אוֹתִיּוֹת 'בָּז'** אויך די אותיות 'זָב' איז די זעלבע ווי די אותיות 'בָּז', **כְּלוֹמַר שֶׁבְּחִינַת תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אֵינוֹ חָשׁוּב אֶצְלוֹ כָּל כָּךְ לִהְיוֹת מִשְׁתּוֹקֵק אֲלֵיהֶם** דאס מיינט אז די בחינה פון לערנען תורה און און טאהן מעשים טובים איז נישט אזוי חשוב ביי אים אז ער זאל שטרעבן צו דעם, **וּכְמוֹ בְּזוּיִים הֵמָּה אֶצְלוֹ חַס וְשָׁלוֹם** און זיי זענען חַס וְשָׁלוֹם אראפגעקוקט און פארשעמט ביי אים, **שֶׁאֵינוֹ חָשׁוּב אֶצְלוֹ לִהְיוֹת מִשְׁתּוֹקֵק וְעוֹסֵק בָּהֶם** אז ס'איז נישט חשוב ביי אים ער זאל גלוסטן און זיך באשעפטיגן מיט דעם.

## די חילוק פון טוּמְאַת זָב און טָמֵא וּמְצוֹרָע

**וְהוּא בְּחִינַת טוּמְאַת זָב** און ער איז אין די בחינה פון די טוּמְאַת זָב, **וּמְשׁוּלָּח מִשְּׁתֵּי מַחֲנוֹת מִמַּחֲנֶה שְׁכִינָה וּמַחֲנֶה לְוִיָּה** אזא איינער איז ארויסגעשיקט פון די צוויי מחנות [1]מַחֲנֶה שְׁכִינָה און די [2]מַחֲנֶה לְוִיָּה.

**רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא סוּר מֵרָע וְאֵינוֹ עוֹשֶׂה עֲבֵירָה נִשְׁאַר בְּכָל מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל** נאר ווייל ער איז למעשה סוּר מֵרָע (אפגעקערט פון שלעכטס) און טוט נישט קיין עבירות בפועל בלייבט ער נאך אין די מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

**אֲבָל מִי שֶׁהוּא עוֹשֶׂה עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם וְהוּא בְּחִינַת מְצוֹרָע** אבער ווער עס טוט חַס וְשָׁלוֹם עבירות ער איז אין א בחינה פון א מְצוֹרָע, **שֶׁנְּגָעִים בָּאִין עָלָיו בַּעֲוֹן לְשׁוֹן הָרָע** (ערכין טו:)[ב] וואס אויף א מְצוֹרָע זאגן אונז חז"ל אז צוליב די זינד פון לשון הרע קומען אויף אים די קרעץ.

**וְכַדּוֹמֶה מִי שֶׁהוּא בַּעַל עֲבֵירָה נִקְרָא טָמֵא וּמְצוֹרָע** און דאס זעלבע אין גלייכן איז ווער עס איז א בַּעַל עֲבֵירָה ווערט אנגערופן א טָמֵא און א מְצוֹרָע, **שֶׁהוּא מִשְׁתַּלֵּחַ אֲפִילוּ מִמַּחֲנֶה יִשְׂרָאֵל** און ער ווערט ארויסגעשיקט אפילו פון מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, **שֶׁבִּשְׁעַת הָעֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם אֵינוֹ בִּכְלָל יִשְׂרָאֵל** וואס בשעת ער טוט די עבירה חַס וְשָׁלוֹם איז ער נישט אין די כלל פון 'כלל ישראל'.

ב. אין די גמ' דארט שטייט: **כל המספר לשון הרע נגעים באים עליו כו'** [ווער עס רעדט לשון הרע קומען אויף אים נגעים], **אמר ריש לקיש מאי דכתיב 'זאת תהיה תורת המצורע'** [ריש לקיש האט געזאגט וואס איז טייטש פון די פסוק 'דאס זאל זיין די תורה פונעם 'מְצֹרָע'], **זאת תהיה תורתו של מוציא שם רע** [דאס זאל זיין די תורה פון דער וואס איז א מוציא שם רע (רעדט לשון הרע) וואס דיווארט 'מְצֹרָע' - איז פונקט ווי 'מוציא רע'].

**עַד שֶׁתּוֹהֵא וּמִתְחָרֵט עַל הָעֲבֵירָה שֶׁעָשָׂה, וְשָׁב וְרָפָא לוֹ, וְנִכְנַס לְמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל.**

**וְהִנֵּה בְּחִינוֹת אֵלּוּ הָיוּ בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל, הַיְינוּ הַכֹּהֲנִים נִכְנְסוּ לְכָל הַשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת בִּדְבֵיקוּת גָּדוֹל לַה' אֶחָד.**

**וְזֶהוּ מְרוּמָּז בְּאוֹתִיּוֹת כֹּ'הֵ'ן', שֶׁהֵן אוֹתִיּוֹת יְחִידִים שֶׁאֵין לָהֶם זִוּוּג לְעֶשֶׂר[ג], הַיְינוּ אוֹת ה' אֵין לוֹ זִוּוּג בִּיחִידוּת, אוֹת נ' אֵין לוֹ זִוּוּג בַּעֲשִׂירִיּוֹת לִהְיוֹת מֵאָה, אוֹת ך' פְּשׁוּטָה אֵין לוֹ זִוּוּג בְּמֵאוֹת[ד].**

ג. עיין רש"י סוכה נב, ב ד"ה באטב"ח: אלפא ביתא הוא א"ט ב"ח ג"ז ד"ו הרי עשיריות, י"צ כ"פ ל"ע מ"ס הרי מאות, ק"ץ ר"ף ש"ן ת"ם הרי אלפים, ונשארו הנ"ך, שלא היה לה"א בן זוג בעשיריות, ולא לנו"ן בן זוג במאות לפי סדר האותיות, ולא לכ"ף בן זוג באלפים. ועיין שמו"ר טו, ז: 'הן עם לבדד ישכון' (במדבר כג, ט), מהו 'הן', כל האותיות מזדווגין חוץ מב' אותיות הללו, כיצד, א"ט הרי י', ב"ח הרי י', ג"ז הרי י', ד"ו הרי י', נמצא ה' לעצמה. וכן האות הנ' אין לה זוג, י"צ הרי ק', כ"פ הרי ק', ל"ע הרי ק', מ"ס הרי ק', נמצא נ' לעצמה.

ד. שאות ך' פשוטה היא מספר חמש מאות. עיין שער ההקדמות (פב, ב) ביאור אותיות אלפא ביתא דאי"ק בכ"ר: ונמצא כי אות ת' של דמ"ת, היא ד' מאות. ואות כ' פשוטים של הנ"ך, היא חמש מאות. ואות ם' סתומה של וס"ם, היא ו' מאות. ואות ן' פשוטה ושל זע"ן, היא ז' מאות. ואות ף' פשוטה, של חפ"ף הוא ח' מאות. ואות ץ' פשוטה, של טצ"ץ, הוא ט' מאות.

**עַד שֶׁתּוֹהֵא וּמִתְחָרֵט עַל הָעֲבֵירָה שֶׁעָשָׂה** ביז ער טוט תשובה און ער גלייבט נישט וואס ער האט געטאהן און ער האט חרטה אויף די עבירה וואס ער האט געטאהן, **וְשָׁב וְרָפָא לוֹ** און ער טוט תשובה און ער ווערט אויסגעהיילט, **וְנִכְנַס לְמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל** און ער קען צוריקגיין צו מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

## [ג]

## די רמז אין די נאמען כֹּ'הֵ'ן'

**וְהִנֵּה בְּחִינוֹת אֵלּוּ הָיוּ בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל** און די בחינות זענען געווען ביי כלל ישראל, **הַיְינוּ הַכֹּהֲנִים נִכְנְסוּ לְכָל הַשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת בִּדְבֵיקוּת גָּדוֹל לַה' אֶחָד** דאס מיינט די כֹּהֲנִים זענען אריינגעגאנגען אין די בחינה פון די דריי מַחֲנוֹת מיט א גרויסע דְבֵיקוּת צום איינציגן באשעפער.

**וְזֶהוּ מְרוּמָּז בְּאוֹתִיּוֹת כֹּ'הֵ'ן'** און די דריי בחינות זענען מרומז אין די ווארט כ'ה'ן', **שֶׁהֵן אוֹתִיּוֹת יְחִידִים** וואס די דריי אותיות כ'ה'ן' זענען איינצעלנע און אפגעזונדערטע נומערן, **שֶׁאֵין לָהֶם זִוּוּג לְעֶשֶׂר**[ג] ווייל זיי האבן נישט נאך א נומער מען זאל זיי קענען צוזאמענפָּארן און רעכענען צו די נומער צעהן.

**הַיְינוּ אוֹת ה' אֵין לוֹ זִוּוּג בִּיחִידוּת** ווייל די אות ה' האט נישט קיין שותף און א פָּאר אין די איינצעלנע אותיות פון א' ביז י' צו דערגרייכן די נומער צעהן[ה].

**אוֹת נ' אֵין לוֹ זִוּוּג בַּעֲשִׂירִיּוֹת לִהְיוֹת מֵאָה** און די אות נ' האט אויך נישט קיין פָּאר אין די אותיות פון י' ביז ק' אין די צענער"ס צו דערגרייכן די נומער הונדערט[ה].

**אוֹת ך' פְּשׁוּטָה אֵין לוֹ זִוּוּג בְּמֵאוֹת**[ו] און די זעלבע איז מיט די אות 'ך' (די לאנגע כ"ף - א ענדער כ"ף) איז נישט דא צום אים קיין פָּאר אין די אותיות וואס זענען בגימטריא די נומערן פון די הונדערטערס זיך צו

ג. רש"י אין מס' סוכה (דף נב, ב ד"ה באטב"ח) איז מסביר א אופן און די סדר פון א געוויסע אלפא ביתא באקאנט מיטן נאמען א"ט ב"ח וואס די אותיות קענען זיך טוישן און מרמז זיין געוויסע גימטריאות און רמזים, זאגט רש"י: **אלפא ביתא הוא א"ט ב"ח ג"ז ד"ו הרי עשיריות** [אין די דערמאנטע סדר פון די אלף בית פון א' ביז י' דערגרייכט יעדע סעט פון די אל"ף בי"ת די נומער צעהן - זעה באריכות אין די קומענדיגע הערה 4], **י"צ כ"פ ל"ע מ"ס הרי מאות** [אין די דערמאנטע סדר פון די אל"ף בי"ת פון י' ביז ק' דערגרייכט יעדע סעט פון די אלף בית די נומער הונדערט - זעה די קומענדיגע הערה 5] **ק"ץ ר"ף ש"ן ת"ם הרי אלפים** [אין די דערמאנטע סדר פון די אלף בית פון ק' ביז ת' דערגרייכט יעדע סעט פון די אל"ף בי"ת די נומער טויזענט - זעה די קומענדיגע הערה 6] **ונשארו הנ"ך** [און ס'בלייבט איבער די דריי אותיות ה' נ' ך' וואס האבן נישט קיין פָּאר], **שלא היה לה"א בן זוג בעשיריות** [ווייל עס איז נישט דא קיין פָּאר פאר די אות ה' צווישן די אותיות וואס דערגרייכן די נומער צען], **ולא לנו"ן בן זוג במאות לפי סדר האותיות** [און עס איז נישט דא קיין פָּאר פאר די אות נ' צווישן די אותיות וואס דערגרייכן די נומער הונדערט], **ולא לכ"ף בן זוג באלפים** [עס איז נישט דא קיין פָּאר פאר די אות ך' צווישן די אותיות וואס דערגרייכן די נומער טויזענט].

ד. ווייל **א'** קען זיך צוזאמענפָּארן מיט **ט'** און ס'ווערט 10, די אות **ב'** קען זיך צוזאמענפָּארן מיט **ח'** און ס'ווערט 10, אזוי אויך **ג'** מיט **ז'**, און די אות **ד'** מיט אות **ו'**, אבער די אות **'ה'** האט נישט נאך א אות מיט ווען ער קען זיך צוזאמענפָּארן צו דערגרייכן די נומער 10.

ה. אזוי ווי די פריעדיגע חשבון, ווייל אין די סדר האותיות פון פון י' ביז ק' [ י'- כ' - ל' - מ' - נ' - ס' - ע' - פ' - צ'] קענען די אותיות זיך צוזאמענפָּארן צו דערגרייכן די נומער הונדערט, ווי למשל די אות **י'** קען זיך צוזאמענפָּארן מיט **צ'** און ס'ווערט 100, און די אות **כ'** קען זיך צוזאמענפָּארן מיט די אות **פ'** און ס'ווערט 100, און אזוי ווייטער די אות **ל'** מיט די אות **ע'**, און די אות **מ'** מיט די אות **ס'**, אבער די אות **'נ'** האט נישט נאך א נומער מיט וועמען זיך צוזאמענפָּארן צו דערגרייכן די נומער 100.

ו. אין ספרי קבלה ווערט געברענגט אז נאך די סדר פון די אל"ף בי"ת וועט מען רעכענען די חשבון הגמטריאות פון די 'אותיות כפולות' (די ענדע אותיות) און אזוי ווי די אות ת' איז בגמטריא פיר הונדערט וועט די חשבון ממשיך זיין און גיין העכער, און די אות ך' (ענדע כ"ף) איז בגמטריא פינעף הונדערט, און אזוי ווייטער די אות ם' (ענדע מ"ם) איז זעקס הונדערט, און די אות ן' (ענדע נו"ן) איז בגימטריא זיבן הונדערט, און די אות ף' (ענדע פ"א) איז בגמטריא אכט הונדערט, און די אות ץ' (ענדע צדי"ק) איז בגמטריא ניין הונדערט. און דאס איז פשט אין די ווערטער פון רש"י (געברענגט אויבן הערה 3) **ק"ץ ר"ף ש"ן ת"ם הרי אלפים**, ווייל ק' איז דאך 100 און מיט ץ' (900) איז עס צוזאמען 1000, און אזוי איז ר' (200) מיט ף' (800) איז עס צוזאמען 1000, און אזוי ווייטער ש' (300) מיט ן' (700) איז עס צוזאמען 1000, און ת' איז 400 און מיט ם' (600) איז עס 1000, בלייבט איבער די ך' וואס איז 500 וואס האט נישט א נאך א נומער מיט וועמען זיך צוזאמענפָּארן צו דערגרייכן די נומער 1000.

> וְכָל זֶה מְרַמֵּז לִבְחִינַת דְּבֵיקוּת בַּה' אֶחָד[ה].
>
> וּשְׁאָר יִשְׂרָאֵל הָיוּ בִּכְלָל בְּמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל, הַיְינוּ שֶׁכּוּלָּם הָיוּ בְּאוֹתָהּ בְּחִינָה סוּר מֵרָע, אֲבָל שְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הָרִאשׁוֹנִים לֹא נִמְצָאוּ בְּכוּלָּם.
>
> וְעַל זֶה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וּבָנָיו 'כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל', פֵּירוּשׁ שֶׁתְּבָרְכוּ וְתַמְשִׁיכוּ עַל כָּל יִשְׂרָאֵל שְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הָרִאשׁוֹנִים הַמְּרוּמָּזִים בְּאוֹתִיּוֹת כֹּה, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת הָרִאשׁוֹנִים בְּחִינַת מַחֲנֶה שְׁכִינָה הַנַּ"ל וּבְחִינַת מַחֲנֶה לְוִיָּה הַנַּ"ל[ו].
>
> וְנֶאֱמַר 'וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה' וְגוֹ', פֵּירוּשׁ שֶׁבַּתְּחִלָּה לֹא הָיָה הַשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת.
>
> לָכֵן אָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה', הַיְינוּ שֶׁהִזְהִירָם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁיִּקַדְּשׁוּ בְּעַצְמָם שְׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת קְדוֹשׁוֹת[ז], הַיְינוּ שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת הַנַּ"ל.
>
> ---
>
> ה. שהאותיות היחידים רומזים לדביקות בה' אחד, והכהנים היו דביקים בשלימות בה' אחד.
>
> ו. ר"ל שאותיות כ"ה הם האותיות הראשונים מתיבת 'כהן', וע"כ הם רומזים לשתי הבחינות העליונות בדביקות בה' אחד, הרמוזים בב' המחנות שכינה ולויה, כמש"כ רבינו לעיל.
>
> ז. ר"ל מה שלא כתוב בפסוק 'וישלחו מן המחנות' דהיינו הג' מחנות, אלא 'וישלחו מן המחנה' לשון יחיד, הוא לרמז שהענין הוא שיקדשו בעצמם המחנה, על ידי שיקדשו את עצמם משלשת הטומאות 'צרוע זב וכל טמא לנפש', הרומזות על ג'

צוזאמענפּאָרן מיט נאך א אות עס זאל צוזאמען דערגרייכן די נומער טויזענט.

**וְכָל זֶה מְרַמֵּז לִבְחִינַת דְּבֵיקוּת בַּה' אֶחָד**[ז] און דאס קומט צו מרמז זיין צו די בחינה פון זיין באהאפטן אינעם איינצעלנעם באשעפער.

## פשט אין פסוק 'כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'

**וּשְׁאָר יִשְׂרָאֵל הָיוּ בִּכְלָל בְּמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל** און אלע אנדערע יודן זענען געווען אין די כלל פון מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, **הַיְינוּ שֶׁכּוּלָּם הָיוּ בְּאוֹתָהּ בְּחִינָה סוּר מֵרָע** דאס מיינט אז זיי זענען אלע געווען אין די בחינה פון סוּר מֵרָע (זיך אפּקערן פון שלעכטס), **אֲבָל שְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הָרִאשׁוֹנִים לֹא נִמְצָאוּ בְּכוּלָּם** אבער די ערשטע צוויי בחינות (מַחֲנֶה שְׁכִינָה וּמַחֲנֶה לְוִיָּה) איז נישט געווען צו געפינען אין עבודת השם ביי אלעמען.

**וְעַל זֶה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וּבָנָיו 'כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'** און צוליב דעם האט דער באשעפער געזאגט צו משה און אהרן און זיינע קינדער 'אזוי זאלט איר בענטשן די יודישע קינדער', **פֵּירוּשׁ שֶׁתְּבָרְכוּ וְתַמְשִׁיכוּ עַל כָּל יִשְׂרָאֵל שְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הָרִאשׁוֹנִים הַמְּרוּמָּזִים בְּאוֹתִיּוֹת 'כֹּה'** דאס מיינט אז איר זאלט בענטשן און ממשיך זיין אויף אלע יודן די ערשטע צוויי בחינות וואס זענען מרומז אין די אותיות 'כֹּה', **שֶׁהֵם בְּחִינוֹת הָרִאשׁוֹנִים בְּחִינַת [1]מַחֲנֶה שְׁכִינָה הַנַּ"ל וּבְחִינַת [2]מַחֲנֶה לְוִיָּה הַנַּ"ל** וואס די אותיות 'כֹּה' (די ערשטע צוויי אותיות פון די נאמען כהן) זענען מרמז צו די ערשטע צוויי בחינות פון דביקות אין באשעפער וואס ווערן אנגערופן [1]מַחֲנֶה שְׁכִינָה און [2]מַחֲנֶה לְוִיָּה וואס זענען אויבענדערמאנט.

## פשט אין פסוק 'וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה'

**וְנֶאֱמַר 'וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה' וְגוֹ'** און די פסוק זאגט 'און עטס זאלטס ארויסשיקן פון די מחנה', **פֵּירוּשׁ שֶׁבַּתְּחִלָּה לֹא הָיָה הַשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת** דאס מיינט ווייל אין אנפאנג איז נאכנישט געווען בכלל די דריי מחנות, **לָכֵן אָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה'** און פארדעם האט זיי דער באשעפער געזאגט 'און עטס זאלט ארויסשיקן פון די מחנה' און עס שטייט נישט <u>עטס זאלט ארויסשיקן פון די מחנות</u> (א לשון רבים – דריי מחנות).

**הַיְינוּ שֶׁהִזְהִירָם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁיִּקַדְּשׁוּ בְּעַצְמָם שְׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת קְדוֹשׁוֹת**[ח] דאס מיינט אז השי"ת האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן אליין הייליגן ביי זיך ברוחניות די דריי הייליגע מחנות, **הַיְינוּ שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת הַנַּ"ל** וואס די דריי הייליגע מחנות זענען מרמז צו די דריי דערמאנטע בחינות.

---

ז. דאס מיינט אז די איינצעלנע אותיות פון כ' ה' ן' איז מרמז אויף 'דביקות' אינעם איינצעלנעם באשעפער, און די כהנים זענען געווען אינגאנצן באהאפטן אינעם באשעפער איז דערפאר די בחינה מרומז אין זייער נאמען כ'ה'ן'.

ח. דאס מיינט אז עס איז נישט געווען פון גאנץ אנפאנג אהערגעשטעלט דריי מחנות, און פארדעם שטייט נישט אין פסוק 'וישלחו מן המחנות' נאר עס שטייט 'וישלחו מן המחנה' א 'לשון יחיד', ווייל די תורה וויל מרמז זיין אז דער מענטש זאל זיך אליין הייליגן פון די טומאות 'צרוע זב וכל טמא לנפש' ביי אים.

וּמֵעִיד הַכָּתוּב וְאָמַר 'כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל', הַיְינוּ שֶׁקִּדְּשׁוּ עַצְמָם כַּנַּ"ל.
וּלְעָתִיד לָבֹא יַנְחִיל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְכָל צַדִּיק וְצַדִּיק שַׁ"י עוֹלָמוֹת (שְׁלֹשָׁה מֵאוֹת וַעֲשָׂר עוֹלָמוֹת) (עוקצין פ"ג מט"ז), כְּלוֹמַר שֶׁיִּהְיֶה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הַמִּשְׁתּוֹקֵק עַכְשָׁיו לְאוֹתָן הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל וּמִשְׁתַּדֵּל לְהַשִּׂיגָם, יַנְחִילוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לֶעָתִיד לִהְיוֹת בְּכָל הַשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת הַנַּ"ל.
שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים מַחֲנֶה גִּימַטְרִיָּא ש"ט, וְעִם ה' אֶחָד הַשּׁוֹכֵן בְּתוֹכָם עוֹלֶה שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַעֲשָׂר עוֹלָמוֹת.
יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה בִּמְהֵרָה אָמֵן סֶלָה.

בחינות הנ"ל, שיקדשו עצמם בבחינת כהן דלעיל.

## די בחינת עבודה פון די מַחֲנוֹת

**וּמֵעִיד הַכָּתוּב וְאָמַר 'כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'** און די פסוק זאגט שפעטער עדות (אין פסוק ד') און זאגט אונז אז 'אזוי האבן די יודישע קינדער געטאהן', **הַיְינוּ שֶׁקִּדְּשׁוּ עַצְמָם כַּנַּ"ל** דאס מיינט אז זיי האבן זיך געהייליגט מיט די דריי בחינות פון מחנות (שְׁכִינָה, לְוִיָּה, יִשְׂרָאֵל).

## די דריי מַחֲנוֹת לְעָתִיד לָבֹא

**וּלְעָתִיד לָבֹא יַנְחִיל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְכָל צַדִּיק וְצַדִּיק שַׁ"י עוֹלָמוֹת** (שְׁלֹשָׁה מֵאוֹת וַעֲשָׂר עוֹלָמוֹת) (עוקצין פ"ג מט"ז) און די משנה זאגט אז 'לְעָתִיד לָבֹא וועט דער אייבישטער געבן פאר יעדן צדיק און צדיק דריי הונדערט און צען עוֹלָמוֹת'.

**כְּלוֹמַר שֶׁיִּהְיֶה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הַמִּשְׁתּוֹקֵק עַכְשָׁיו לְאוֹתָן הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל** דאס מיינט צו זאגן אז עס וועט זיין צו יעדן אייינעם און איינעם פון די יודן וואס שטרעבט יעצט צו די דערמאנטע דריי בחינות פון די מחנות, **וּמִשְׁתַּדֵּל לְהַשִּׂיגָם** און ער פרובירט עס צו דערגרייכן, **יַנְחִילוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לֶעָתִיד לִהְיוֹת בְּכָל הַשְּׁלֹשָׁה מַחֲנוֹת הַנַּ"ל** וועט אים דער אייבישטער 'לְעָתִיד לָבֹא אים געבן צו זיין אין אלע דריי דערמאנטע מַחֲנוֹת.

**שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים 'מַחֲנֶה' גִּימַטְרִיָּא ש"ט** וואס דריי מאל די ווארט 'מַחֲנֶה' איז בגמטריא דריי הונדערט און ניין, **וְעִם ה' 'אֶחָד' הַשּׁוֹכֵן בְּתוֹכָם עוֹלֶה שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַעֲשָׂר עוֹלָמוֹת** און ווען מען רעכנט צו דעם באשעפער וואס ווערט אנגערופן 'אֶחָד' און רוהט צווישן די יודן איז עס בגמטריא און מרמז צו די דריי הונדערט און צען עוֹלָמוֹת.

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה בִּמְהֵרָה אָמֵן סֶלָה.**

**ברכת מזל טוב**
להר"ר **דוד יואל שווארטץ** ולאביו הרה"ח ר' **משה** שליט"א
**לרגל אירוסי בתו / נכדתו בשעה טובה ומוצלחת**
זכות רבינו המחבר אשר בעל השמחה ידיו רב לו בהפצת דברי תורתו ולהנצחת שמו וזכרו יעמוד לו שיזכה לבני חיי ומזוני ולכל משאלות לבו לטובה ובכל אשר יפנה יצליח

**נטפי תנחומין**
כסא דתנחומא להרה"ג בנש"ק הר"ר **חיים שלמה גינזבערג** שליט"א
**פטרון מהדורת הבת עין - מהדורת כיס**
על פטירתו אביו הרה"צ ר' **אלעזר יונה** זצ"ל
בעמח"ס הגיוני יונה
**ראב"ד אגודת הרבנים ורב דקהל אגודת אחים**
נין ונכד לצדיקי בית טאהש, חוסט, נדבורנא, פרימישלאן זי"ע
בעל התנחומים ישלח דברו וירפא לכל המשפחה הנכבדה המקום ינחם אתכם בתוך כל אבלי ציון וירושלים, ולא נוסיף לדאבה עוד.

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען וועכנטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com